# **פרשת שמיני ב' כ"ג – כ"ט ניסן תשע"ה לפ"ק**

***יום ראשון פרשת שמיני ב'***

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** הווארט של החתן **בנציון ווייסבערג** נ"ו בן הר"ר **ישראל מרדכי ווייסבערג** הי"ו (ב"פ), עב"ג בת הר"ר **יעקב קאלמאן** הי"ו.

*

***יום שני פרשת שמיני ב'***

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** הווארט של בן הרב **מרדכי ווייס** שליט"א (ב"פ, ר"מ בישיבת דרכי משה לעלוב), עב"ג בת הר"ר **עקיבא טויבער** הי"ו.

*

***יום שלישי פרשת שמיני ב'***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **פישל פריעדמאן** ע"ה.

***וזה תוכן השיחה:***

**אחיו הר"ר משה:** מען האט פונקט געשמועסט דעם יום טוב, אז ווען איך האב געלערנט אין חדר איז דער **סאמבאטהעלער רב** געווען דער פארנומענסטער מוהל אין שטאט. דער רבי פלעגט זיך צוזעצען צו די סעודה, און איך בין אפאר מאל געווען ווען דער **סאמבאטהעלער רב** האט געשמועסט מיטן רבי'ן. איינמאל האט ער אים געפרעגט וועגן די חומש **תורה תמימה**. און דער רבי האט אים געענטפערט, וואס ער זאגט איז דאך נישט קיין אייגענס, און דאס וואס ער זאגט אייגענס, קען מען דערקענען.

**רבינו:** ער ברענגט אים צו אין **ויואל משה** (מאמר ב' אות ל"ה, מאמר ג' אות א' ואות ה').

**הר"ר משה:** ער ווענדט אים אפ.

**רבינו:** אבער ער האט זיך גערעכנט מיט אים.

מיין טאטע ז"ל פלעגט אלץ מתאונן זיין, אז ער איז געזעסן אסאך ברית'ן מיטן רבי'ן, און ווען ער וואלט אראפגעשריבען די אלע שמועסן וואס איז געווען בי די ברית'ן, וואלט מען געקענט אפשרייבען א גאנץ ספר. ביי יעדע ברית איז געווען אן אנדערע נושא וואס מען האט ארויפגעברענגט. דעמאלטס האט מען געקענט פרעגען און רעדן.

**הר"ר משה:** ער פלעגט זיצען רואיג ביי די ברית'ן.

**רבינו:** ראש השנה פלעגט דער **סאטמארער רב** צו מאכען מציצה. אמאל איז געווען מערערע ברית'ן, מיין טאטע האט געהאט איין ברית, און א צווייטער מוהל האט געהאט דאס צווייטע ברית. און בדרך כלל פלעגט ער מאכען מציצה ביים לעצטן ברית. און דער מוהל איז געווען צוגעוואוינט צו מאכען מציצה, און נאכדעם האט ער זיך געכאפט אז דער רבי פלעגט צו מאכען, האט ער זיך אנטשולדיגט, און ער האט געזאגט פארן רבי'ן, אז ער איז אזוי צוגעוואוינט פון אלע ברית'ן, אז ער האט זיך נישט געכאפט. האט אים דער **סאטמארער רב** געזאגט בדרך צחות, 'אז מען געוואוינט זיך צו, צו צאפען יענעמס בלוט, איז שווער זיך אפצוגעוואוינען'.

**הר"ר משה:** איך האב פונקט נעכטען פארציילט, אז מען האט געדרוקט דעם ספר **אגרא דבי הילולי**, בריוון פון **די בעלזא רבי'ס**, און צום סוף האבען זיי אריינגעלייגט פארשידענע זאכען וואס די חסידים האבען געשריבען. ברענגען זיי דארטן אז **רבי ישכר דוב** איז געווען א גרויסער בעל תפלה. דער רבי, **דער ברך משה**, האט מיר געזאגט, אז ווען דער **בעלזער רב** האט געדאווענט ראש השנה אין ראצפערט, האט מען אים געהערט א גאס אוועק, ער האט געהאט א שאגת ארי. און ער איז אויך געווען א בעל תוקע. און אין יאר תרפ"ז, דעם לעצטן ראש השנה פון **רבי ישכר דוב**, האט דער **בעלזער רב** געמאכט די ברכה אויף תקיעת שופר, און ער האט גענומען דעם שופר אין די הענט, און ער האט נישט געקענט בלאזען. האט ער עס געוואלט איבערגעבן פאר זיין זון **רבי אהרן בעלזער**, איז ער אראפגעלאפען פון די בימה, ער האט עס נישט געוואלט איבערנעמען. האט ער עס געגעבן פאר **רבי ישעי' זושא**, איז ער אויך אראפגעלאפען. האט ער עס געגעבן פאר **רבי פיניע**, איז ער אויך אראפ, איז געבליבען א שטילקייט. צווישן דעם עולם איז געווען א יוד פון די יושבים, רבי סענדער דראביטשער, א תלמיד חכם, און ביי די קריג איז אים אדורגעפלויגען א קויל, און ער איז געווארן אביסל גערירט, און ער האט געגעבו א שריי, **'בעלזער רב**, עס הלך ילך'ט זיך שוין נישט אזוי ווי אמאל'. און אזוי ווי ער האט דאס געזאגט, האט

דער **בעלזער רב** גענומען דעם שופר, און ער האט פיין געבלאזען. שפעטער ביים טיש האט דער רבי סענדער זיך געשטופט צו נעמען שיריים, און מען האט אים נישט געוואלט צולאזען, און דער **בעלזער רב** האט עס באמערקט, האט ער געהייסען אויסרופען אז מען זאל צולאזען רבי סענדער, ווען ער איז צוגעקומען האט אים דער **בעלזער רב** געזאגט, יישר כח סענדער, דו האסט מיר היינט צוגעהאלפען צו די תקיעות. האט רבי סענדער געזאגט, נו פארוואס וויל מיך דער עולם צורייסען. האט אים דער **בעלזער רב** געזאגט, זיי ווילען אז איך זאל אלעס טון אליין, זיי ווייסען נישט, אז סענדער קען אמאל צוהעלפען.

*

בשעות הערב הגיע לבית **רבינו שליט"א** הרה"ג רבי **חיים מאיר האגער** שליט"א (בן מחו' **כ"ק האדמו"ר** מוויזניץ שליט"א) למסור ספר החדש **'ישועות משה'**, דברי תורתו של **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ זצ"ל**.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל משפחת מרת שטערן ע"ה (אלמנת הר"ר שמואל צבי שטערן ע"ה)

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הרב רבי **אברהם יצחק פעדער** שליט"א עב"ג בן הר"ר **מנחם זילבער** הי"ו, שהתקיים באולם פערעדייס מענאר. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

*

***יום רביעי פרשת שמיני ב'***

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת מארקאוויטש ע"ה (אשת הר"ר **אברהם שלום מארקאוויטש** הי"ו).

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הרב **משה יודא וואזנער** שליט"א, שישב שבעה על פטירת אביו **הגאון בעל שבט הלוי זצ"ל**.

***וזה תוכן השיחה:***

**הרמ"י:** דער רב איז געווען אפאר מאל ביים טאטע'ן ביי שלש סעודות, ער פלעגט מיר איבערגעבן א גריס אלעמאל ווען די רב איז דארט געווען.

**רבינו:** ווען איך בין געווען אין ארץ ישראל, בין איך צוגעגאנגען באזוכן. פאראיאר חנוכה איז געווען די לעצטע מאל וואס איך בין געווען ביי אים.

**הרמ"י:** איך וויל הערן פונעם רב א שמועס וואס מען האט געהאט מיטן טאטע'ן, וואס מען מעג הערן.

**רבינו:** איך האב געהאט מערערע שמועסן. ביי אסתר שטייט (אסתר ב-טו) ותהי אסתר נושאת חן בעיני כל רואיה, און די גמרא (מגילה יג.) זאגט, לכל אחד נדמתה לו כאומתו. ווער עס איז אריינגעקומען אין שטוב, האט געשפירט אז ער איז איינעג. ער איז נישט א פרעמדער.

**הרמ"י:** מיין טאטע האט געפירט די שטוב אזוי, אז עס האט געקענט קומען צו אים אלע מינים, ספרדישע, ליטווישע, פוילישע, אונגארישע, און יעדער איינער האט באקומען כבוד פון אים.

**רבינו:** יעדער איז ארויס צופרידענערהייט.

**הרמ"י:** פאר ער פלעגט אריינגיין מנחם אבל זיין, האט ער זיך אויסגערעכנט די ווערטער וואס צו זאגען, און ער האט געזאגט וואס ער האט געהאט צו זאגען. אזוי אויך ביי א הספד, ווען עס איז געווען אן גדול האט ער פארשטייט זיך מער גערעדט, אבער ווען מען האט אים געבעטן זאגען א הספד האט מען אים געמוזט זאגען פאר דעם, ווער דאס איז, און ער האט זיך אויסגערעכנט וואס צו זאגען, און אזוי האט ער געזאגט.

**רבינו:** ער איז געווען אן אויסגערעכנטער מענטש.

**הרמ"י:** ער האט געהאט א געוואלדיגע פונקטליכקייט אויך ביים דאווענען, ממש אויף די מינוט. ווען מען איז געקומען מיט א מינוט שפעט, האט ער שוין געהאט א הקפדה.

**רבינו:** ווען איינע פון מיינע זון זענען זיך געווען פאהערן ביי אים, האט ער געזאגט, 'יעצט האב איך דריי מינוט צייט פאר דיר'.

עס לאזט זיך אויס דער פריערדיגער דור. זיין גדלות אין תורה, זיין איידלקייט, און די מידות טובות.

**הרמ"י:** זיין צורה ביי יציאת נשמה איז געווען זייער לעכטיג.

**רבינו:** עס שטייט אז אלע מעשים טובים פונעם מענטש קומען אראפ אין די לעצטע מינוט. עס קלויבט זיך אלעס צוזאם. נו, פון אזויפיל יארען.

**הרמ"י:** פון די דרייצען יאר האט ער זיך גענומען צו לערנען, און ער האט נישט אויפגעהערט צו לערנען ביז ער איז אוועק.

***יום חמישי פרשת שמיני ב׳***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת ראטה ע"ה (אלמנת הר"ר **שמואל יצחק ראטה** ע"ה).

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **ישעי' ריעדער** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אחיו הר"ר **הערשל ריעדער** ע"ה.

***וזה תוכן השיחה:***

**הר"ר ישעי'**: איך האב געלערנט אין סערדאהעלי. **רבי משה לייב** (בעל **ויגד משה** זצ"ל) האט געהאט א לייכטע האנט, ווען עס איז געווען א שווערע ושט, האט דער רבי [**הגה"ק מסערדאהעלי זצ"ל**] געגעבן די ושט צו **רבי משה לייב**, איך ווייס נישט צו עס איז געווען ביי אים אמאל א טריפה. ער האט אלעס אזוי לייכט אפגעקראצט. ער איז געווען א געוואלדיגער חכם.

אין תש"ב איז דער **בעלזער רב** געווען אין פעסט, און די רעגירונג האט דעמאלטס געמאכט א געזעץ אז יודען מוזן האלטען אפען די געשעפט שבת, און טאמער די געשעפט וועט נישט זיין אפען, וועט מען אוועקנעמען די רעכט צו האבען א געשעפט. און עס איז געווען אן אסיפת הרבנים אין פעסט, און דער רבי ז"ל איז געפארען קיין פעסט צו די אסיפה, און ער האט מיר מכבד געווען אז איך זאל אים באגלייטען צו די אסיפה. ער האט מיר געוואלט באצאלען די שפעזען. אויפן צוג האט מען געזאגט, אז אזוי ווי די רשעים ווילן זייער כאפען דעם **בעלזער רב**, האט מען מורא אז אויב אסאך חסידים וועלן גיין, וועט עס זיין אויפפאלענד, האט מען נאר אריינגעלאזט איינצעלנע מענטשען, און דער רבי איז געגאנגען מיט רבי עמרם טויבער פון סקווירא, און דער רבי האט מיר געזאגט, אז ער וועט מיר מזכיר זיין. ווען מען האט געעפענט די טיר אריינצוגיין, האט זיך דער **בעלזער רב** אנגערופען, אלע דריי זאלען אריינגיין. און דער גבאי האט זיך ווייטער געשטעלט ביי די טיר, און דער **בעלזער רב** האט נאכאמאל געזאגט הויך, אלע דריי זאלען אריינקומען. און דער רבי איז געווען דארט א שעה צייט, און זיי האבען גערעדט דברי תורה [הר"ר **ישעי'** הי"ו השמיע לפני **רבינו שליט"א** שני דברי תורה ששמע אז מאת **הרה"ק מבעלזא זי"ע**, **ורבינו שליט"א** חזר עליו בסעודה שלישית פרשת תז"מ, ונדפס בגליון דברי תורה].

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל הרה"ג **מרדכי אלימלך וואזנער** שליט"א אב"ד שבט הלוי ב"פ, שישב שבעה על פטירת אביו **הגאון בעל שבט הלוי זצ"ל**.

***וזה תוכן השיחה:***

**הגרמ"א**: דער רב האט געהאט א סאך קשר מיטן טאטען.

**רבינו**: אסאך יארען, ער איז געווען אן אדם השלם אין אלעם.

**הגרמ"א**: עס איז א היסטארישע זאך, אז א מענטש זאל אדורכגיין אזויפיל יארען, און לעבן גוט מיט יעדעם, אז יעדער זאל פילען אז ער באלאנגט צו מיר.

**רבינו**: הוי מתלמידיו של אהרן, אוהב שלום ורודף שלום (אבות א-יב). ער איז געווען אן אפשטאמיגער פון סערדאהעלי.

**הגרמ"א**: ער פלעגט אייביג זאגען, אז אין וויען ווי ער האט געוואוינט, זענען צווישן די צוויי וועלט מלחמות געקומען אלע גדולי ישראל. **רבי חיים עוזר**, **רבי משה מרדכי עפשטיין**, **רבי אלחנן וואסערמאן** און אנדערע חסידישע גדולים, דער **קאפישניצער רבי**, דער **טשארטקאווער רבי**, דעם **מנחת אלעזר** האט ער אויך דעמאלטס קענען געלערנט. האט ער געזאגט, איך האב מיר מתקרב געווען צו יעדעם איינעם די זעלבע, און איך האב פראבירט עפעס קונה צו זיין פון יעדעם איינעם. ער האט געלערנט אין טירנוי, ער האט אייביג גערעדט פון זיין עבודת התפלה. ער האט אמאל דערציילט, אז דער ערשטער מעריב וואס ער האט געדאווענט ווען ער איז אנגעקומען קיין טירנוי, איז געווען ליל ראש חודש חשון, און ער וועט דעם מעריב קיינמאל נישט פארגעסן. עס האט זיך געפילט דוגמת ליל כל נדרי.

**רבינו**: מען זאגט נאך אויף א גדול, אז ער איז אמאל געקומען אויף נייטרא, און אין די דריי וואכען האט מען געזאגט תיקון חצות, און ער איז אנגעקומען בשעת דער **נייטרא רב** האט געזאגט תיקון חצות מיט אזעלכע בכיות. האט ער געזאגט, אז ער קען זיך נישט פארשטעלן, אז ווען עס זאל יעצט קומען א טעלעגראם, אז דער בית המקדש איז חרוב געווארן, אז מען זאל מער מקונן זיין, ווי דער **נייטרא רב** האט געזאגט תיקון חצות.

**הגרמ"א:** דעם מנהג האט ער אנגעהאלטן אין די ישיבה אלע יארען.
**רבינו:** דער זיידע רבי בנציון שיף איז געווען פון די מייסדים פון שיף-שול. דער טאטע איז שוין געבוירען אין וויען?
**הגרמ"א:** יא.
**רבינו:** עס איז געווען א שיינע חברותא דארט. **רבי יעקב טייטלבוים** (בעמח"ס קול יעקב), **רבי יעקב ארענשטיין** (ר"י נייטרא), **רבי אלימלך רומפלער, רבי העניך פאדווא** (גאב"ד לאנדאן), **רבי יוסף דייטשער.**
**הגרמ"א: רבי אלחנן וואסערמאן** איז אמאל, פרייטאג צו נאכטס, אדורכגעגאנגען די בחורים און גערעדט מיט זיי אין לערנען, און ער איז נתפעל געווארן פון די חברותא, און ער האט גענומען אן עפל, און ער האט עס צוטיילט אויף קליינע שטיקלעך, און ער האט געזאגט, זייט'ס מיר נישט חושד אז איך בין א רבי וואס טיילט שיריים, נאר עס איז אינו דומה צו עסן אליין, ווי צו עסן מיט אזא חברותא. עס האט אן אנדערן טעם.
**רבינו:** אין רמב"ם (הל' דעות ו-ב) אקעגן זיך מדבק זיין אין תלמידי חכמים, שטייט די לשון 'ולאכול ולשתות עם תלמידי חכמים'.
**הגרמ"א:** ער פלעגט זאגען, אז ער פלעגט קיינמאל נישט קענען מקדים זיין **רבי יעקב ארענשטיין** אין בית המדרש, און ער האט געטראכט, אז מוצאי יום כיפור וועט ער אים מקדים זיין. וועז ער איז געקומען אין בית המדרש מוצאי יום כיפור, א האלבע שעה נאכען אויספאסטען, האט ער שוין געטראפען ווי ר' יעקב זיצט און לערנט.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **מאיר זאב גאלדבערגער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **סיני קויפמאן** הי"ו, שהתקיים באולם תורה ויראה.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבוע באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **ראובן יואל טובל** הי"ו, שהתקיים באולם קראסנא.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הרה"ג **משולם פאלאטשעק** שליט"א אב"ד מגד יהודה, עב"ג בן הרה"ג רבי **יצחק צבי לוריא** שליט"א, שהתקיים באולם ראוז גארדען.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **יצחק מאיר אונגאר** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **דוד מרדכי אהרנאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם סאמבאטהעלי.

*

***<u>יום שישי פרשת שמיני ב'</u>***
אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **ישעי' קאלמאן** הי"ו (בן הר"ר **אליעזר קאלמאן** הי"ו, וומסב"ג) שהתקיים בבית המדרש פאפא. **רבינו שליט"א** נתכבד בסנדקאות.

*

***<u>שבת קודש פרשת שמיני ב'</u>***
בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א.**

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **הערש יואל שווארץ** הי"ו. אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקידושא רבא בבית חמיו הר"ר **סענדער גאלדבערגער** הי"ו.

# פרשת תזריע-מצורע ל' ניסן – ו' אייר תשע"ה לפ"ק

***יום ראשון פרשת תזריע-מצורע***

בשעות הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** הווארט של בן הר"ר **יוחנן אליעזר כ"ץ** הי"ו (וומסב"ג, בן הר"ר גרשון כ"ץ הי"ו), עב"ג בת הר"ר **לוי יצחק לינדנער** הי"ו.

כמו כן התקיים בבית **רבינו שליט"א** הווארט של בן הר"ר **יהודא זינגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יוסף גדלי' מאנדעל** הי"ו.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק למסור שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' בית הכנסת סימן קנ"ג סעיף י"ב). אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בדרשת פרקי אבות בשבוע שעבר.

***וזה תוכן השיחה:***

**מען** האט אנגעהויבען די וואך צו לערנען פרקי אבות, און מען הייבט אן מיט די משנה (סנהדרין צ.) כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא, יעדער יוד האט א חלק לעולם הבא, שנאמר (ישעיה ס-כא) ועמך כולם צדיקים, לעולם יירשו ארץ, אייביג וועלן זיי ירשנען די ארץ העליונה, וואס דאס איז עולם הבא. נצר מטעי, זיי זענען א צווייג פון מיין פלאנצונג, מעשה ידי להתפאר, יודען זענען מעשה ידי, וואס מיט זיי טו איך זיך בארימען. - ווען מען הייבט אן צו לערנען פרקי אבות, הייבט מען אן מיט די משנה, ווייל מען דארף אנהייבען מיט א דבר טוב, מיט א גוטע זאך. עס געבט א מוט פאר א מענטש, אז אפילו מען האט זיך נישט אויפגעפירט ביז יעצט ווי עס דארף צו זיין, מען האט געזינדיגט וכדומה, דארף מען זיך נישט פארלירען, נאר מען דארף וויסען, אז כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא, יעדעד יוד, אין וואס פאר א מצב ער איז, האט ער זיין חלק לעולם הבא.

**ער** ברענגט צו דעם פסוק, לעולם יירשו ארץ נצר מטעי מעשה ידי להתפאר. יעדע יוד האט א חלק לעולם הבא, אבער ווי אזוי זיין חלק לעולם הבא וועט אויסקוקען, איז נישט אייניג ביי יעדן יוד. נישט יעדער איינער באקומט דעם זעלבען חלק לעולם הבא ווי א צווייטער, יעדער איינער באקומט עס, לויט זיינע מעשים וואס ער האט געטון. די גמרא (שבת קנב.) זאגט, אז עס שטייט אין פסוק (קהלת יב-ה) כי הולך אדם אל בית עולמו, א מענטש גייט אין זיין לעבן, אל בית עולמו, צו דעם בית וואס וועט זיין אויף שטענדיג, וואס דאס איז די יום המיתה, ווען ער קומט אן לעולם הבא. פרעגט די גמרא, וואס מיינט אל בית 'עולמו', צו זיין וועלט, עס וואלט געדארפט שטיין, כי הולך אדם אל בית 'עולם'. זאגט די גמרא, ווייל עס איז נישט איין וועלט פאר יעדן איינעם, נאר לכל אחד נותנים לו מדור לפי כבודו, יעדער איינער באקומט זיין חלק לעולם הבא, לויט וויפיל ער האט זיך פארדינט.

**משל** למלך בשר ודם, עס איז א משל צו א מלך בשר ודם, שנכנס הוא ועבדיו לעיר, וואס ער מיט זיינע עבדים זענען אריינגעגאנגען אין שטאט, כולם נכנסין בשער אחד, אלע קומען אריין ביי דעם זעלבען טויער פון די שטאט, כשהן לנין, ווען עס קומט ביינאכט און מען דארף נעכטיגען, און מען שטעלט צו אכסניות, טיילט מען עס איין, לויט די חשיבות. דער מלך באקומט א שיינע אכסניא, דער שר באקומט א קלענערע אכסניא, דער פשוטער ארבעטער באקומט נאך א קלענערע אכסניא. - ווען מען גייט אריין אין א האטעל, קומט יעדער אריין אין די לאבי, עס איז די זעלבע לאבי פאר יעדעם, אבער פונעם לאבי צוטיילט מען נאכדעם, לויט וויפיל מען האט איינגעצאלט. איינער באקומט א שיינע דירה, און איינער באקומט א שוואכערע דירה. לויט וויפיל מען האט איינגעצאלט, אזויפיל באקומט מען. ווען מען גייט אוועק פון די וועלט, קומט יעדער אן לעולם הבא, יעדער קומט אריין אין א נייע וועלט. אבער נאכדעם וואס מען האט אריינגעטרעטען אין די נייע וועלט, טיילט מען עס איין פאר יעדן איינעם, לויט זיין כבוד. - זאגט די גמרא, כי הולך אדם, א מענטש גייט, מיט א יעדע טאג וואס ער לעבט קומט ער נאנטער מיט נאך א טריט, אל בית עולמו, צו זיין וועלט.

**דער** הייליגער **חפץ חיים**, האט עס מסביר געווען מיט א משל. א יוד איז אמאל אדורכגעגאנגען א גרויסען פעלד, און ער זעהט, אז א חלק פונעם פעלד איז זייער שיין בא'ארבעט, עס וואקסן שיינע

פירות, די גראז איז שיין געשניטען, עס איז אנגעפלאנצט בלומען פון די זייטען, עס האט א גוטע ריח, און עס איז א פראכט אריינצוגיין. גייט ער ווייטער, זעהט ער, אז די צווייטע חלק פונעם פעלד איז האלב פארלאזט. די פירות פונעם בוים זענען פארפוילט, און עס ליגט אויף די ערד, די גראז איז נישט געשניטען, די בלומען זענען נישט אנגעבויט, און עס וואקסט שוין דארט דערנער. גייט ער נאך ווייטער, זעהט ער, אז די דריטע חלק פונעם פעלד, איז אינגאנצן נישט בא’ארבעט, עס איז דארט אנגעלייגט מיט ליים און זאמד און שמוץ.

**זאגט** ער, איך פארשטיי נישט, וואס עס איז מיט דעם בעל הבית. איין חלק פונעם פעלד האט ער אזוי שיין בא’ארבעט, און דאס אנדערע האט ער נאכגעלאזט, וואס גייט דא פאר. האט מען אים געזאגט, אז די פעלד האט געהערט צו א גרויסען עושר, און ער איז געשטארבען, און ער האט איבערגעלאזט דריי קינדער, און די דריי קינדער האבען זיך צוטיילט מיט דעם פעלד, יעדער האט באקומען א דריטל פונעם פעלד. איינער איז געגאנגען, און ער האט שיין אויפגעארבעט זיין פעלד, וועגן דעם קוקט עס אויס אזוי שיין. דער צווייטער איז אביסל מער פארשלעפט, וועגן דעם זעהט עס אויס שוואכער. און דער דריטער קוקט זיך אינגאנצן נישט אום אויפן פעלד, וועגן דעם קוקט עס אויס ווי א חורבה. - זאגט דער הייליגער **חפץ חיים**, יעדער באקומט א חלק לעולם הבא. מען צוטיילט פאר יעדן איינעם, יעדער באקומט א פעלד, יעדער באקומט זיין חלק. אבער אויפצואורבעטן דעם חלק, ווי אזוי די חלק זאל אויסזעהן, דאס ווענט זיך ביי יעדן איינעם, אין דעם וואס ער האט געטון אויף די וועלט.

**זאגט** די משנה, ’כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא’, יעדער יוד האט א חלק לעולם הבא, ’שנאמר ועמך כולם צדיקים’, אבער ’לעולם יירשו ארץ’, דאס איז אזוי ווי א ירושה, וואס מען נעמט איבער אן ארץ. דאס פעלד וואס מען האט געירש’נט פונעם טאטען, איז געווען א שיינע פעלד בשעת מען האט עס איבערגענומען, אבער אזוי ווי מען האט עס בא’ארבעט, אזוי קוקט אויס די פעלד. ’לעולם יירשו ארץ’, יעדער איינער איז יורש און ער באקומט א חלק פון עולם הבא, אבער ’נצר מטעי’, ווי אזוי די פלאנצונגען זאלען וואקסען, ווי אזוי די פירות זאלען זיין, ’מעשה ידי להתפאר’, דאס ווענט זיך אין די מעשה ידיו. אז מען וויל זיך קענען בארימען מיט דעם חלק, ווענט זיך עס וואס דו האסט צוגעטון דערצו. האסטו זיך אויפגעפירט ערליך, און געטון מצות און מעשים טובים, האסטו מיט דעם צוגעגרייט אז דו זאלסט האבען א שיינעם פעלד, אז דו זאלסט האבען א שיינעם חלק לעולם הבא. אבער אז נישט, קוקט עס אויס אזוי ווי דאס פעלד וואס מען האט איבערגעלאזט, און מען האט עס נישט געהעריג בא’ארבעט.

*

***יום שני פרשת תזריע-מצורע***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **חיים הערש וועכטער** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש ברך משה סאטמאר (סקילמאן). **רבינו שליט"א** התכבד בסנדקאות ובברכות וקריאת השם.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **ברוך אריה שאהנפעלד** הי"ו (נכד הר"ר מאיר יעקב פאלאטשעק הי"ו) שהתקיים בבית המדרש מגד יהודא. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הוואכנאכט של בן הר"ר **לייבוש דרוממער** הי"ו.

*

***יום שלישי פרשת תזריע-מצורע***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת ברוין ע"ה (אלמנת הר"ר **יודל ברוין** ע"ה, מאנטריאל).

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בן הר"ר **חיים יודא אייזיקאוויטש** הי"ו, עב"ג בת הרב **אלי' פאדווא** שליט"א, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה.

***יום רביעי פרשת תזריע-מצורע***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק, להשמיע דברי קינה והספד אצל 'עצרת הספד והתעוררות רבתי', שהתקיימה לאור פטירתו של הגאון האדיר פוסק הדור **הגאון רבי שמואל הלוי וואזנער זצ"ל** אב"ד זכרון מאיר בני ברק, ובעל שבט הלוי. ה'עצרת מספד' נערכה באולם עטרת גאלדא, בהשתתפות אלפים מישראל, בראשות גדולי רבני ואדמו"י העיר שליט"א.

**רבינו שליט"א** פתח את דבריו במעלת חכמי ישראל אשר יש שמתבודדים בתוך ד' אמותיהם על התורה והעבודה, והם מתגדלים למעלה לרום המעלות, וזה דומה להארז שמתגדל למעלה ואינו מוציא פירות. ומאידך ישנם כאלו שמרביצים תורה לרבים כל ימיהם, אף שעל ידי זה מתבטלים מלהתעלות בעצמם, וזה דומה לתמר שאינו גדול כהארז, אבל מוציא פירות להנות בהם בני אדם. ורק יחידי סגולה זוכים במתנת אלקים, להיות הן זקן ויושב בישיבה ולהעמיד תלמידים, וגם להתגדל להיות מגדולי התורה, אשר כל בית ישראל נשען עליהם, ולדרגא זו זכה הנפטר הגדול הזה.

**רבינו שליט"א** המשיך בדברי קינה והספד באמרו 'אבי אבי רכב ישראל ופרשיו', אשר נאבד ממנו כעת אביו הפרטי, אשר מעת שנתמנה פרנס על הציבור, שאל דעת תורתו כמעט בכל דבר שהוצרך לשאלת חכם, וראה אצלו סייעתא דשמיא מיוחדת, אשר עוד קודם ששאל את חוות דעתו, העלה מעצמו הנושא שרצה לדבר עמו, וסיפר עוד כמה ענינים מה ששמע ממנו בנוגע להנהגת הציבור ועוד.

בהמשך הדברים העלה **רבינו שליט"א** הענין מה שזכה הנפטר הגדול לאריכת ימים מופלגת בדעה צלולה. וטעם הדברים מגלה לנו הכתוב, מי האיש החפץ חיים וגו', נצור לשונך מרע וגו', סור מרע ועשה טוב, בקש שלום ורדפהו (תהלים לד-יג), אשר כל הדברים שמנה הכתוב נתקיימו בו. ובפרט במדת 'בקש שלום ורדפהו' אשר בזה כמעט שלא הניח דוגמתו, שהיה לו שפה משותפת עם כל סוגי עם ישראל, ולא הניח להמשיכו במחלוקת ופוליטיק שונות, אוהב שלום ורודף שלום אוהב את הבריות ומקרבן לתורה (אבות א-יב).

עוד זאת, כי היה דמות חי לבני תורה כמה יכולים להתגדל ולהתעלות בשלימות קניית התורה, והתקן עצמך ללמוד תורה שאינה ירושה לך (אבות ד-יב), וכתר תורה מונחת בקרן זוית, כל הרוצה ללמוד יבוא וילמוד (קידושין סו.), וחוב מוטל על בני תורה למלאות החלל שנחסר בעולם בפטירת גדולי ישראל.

**רבינו שליט"א** סיים את דבריו שזכה הנפטר הגדול לבנים ובני בנים מרביצי תורה בישראל, והניח בן ממלא מקום אבותיו בתורה וביראה ובמדות טובות. והנפטר ימליץ טוב למעלה בטוב לבו להשפיע כל טוב לכל בית ישראל (נדפס במילואו בגליון דברי תורה).

*

***יום חמישי פרשת תזריע-מצורע***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי, אחר מנחה מסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות אחר הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הרבנית מאשוי ע"ה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לב"פ למסור שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***שבת קודש פרשת תזריע-מצורע***

בלימוד פרקי אבות דרש **רבינו שליט"א** בענין אמונה טהורה בה', אשר זהו שורש יהדותנו, לחזור תמיד על י"ג עיקרי האמונה, ולפי מה שמאיר אצל האדם האמונה ביותר, כך עבודתו לה' במעלה ומדרגה יתירה.

והמשיך בדבריו, אשר אמונתנו באחדותו ית"ש מסורה לנו מאבותינו ואבות אבותינו עד מעמד הר סיני, ואמונה טהורה זו מוסרים אנו לבנינו ולדורות הבאים אחרינו. והאף אמנם שבדורות הראשונים אחר שהאיר אצלם אמונת ה' היו גם חוקרים באמונה, מכל מקום בימינו אלה אין לנו שום שייכות לזה, כי קצרה דעתנו ושכלנו להשכיל, ועלולים להכשל בריח של מינות, כמבואר ברמב"ם ושאר ספרי הקדמונים, ובספרי תלמידי הבעש"ט הק' זי"ע.

והמשיך, שדבריו אלו אמורים לאור התופעה החדשה לאחרונה, שמארגנים קבוצות של אנשים ונשים

בהאטעל'ס, על יום של עיון שקוראים 'שבתון' וכדומה, ובנוסף לדרשות של חיזוק בשמירת התורה ומצוות והשקפת החיים וכו' – אשר בזה רבה התועלת להמשתתפים בה להתחזק בדרכי התורה – התחילו גם לדבר בעניני אמונה, ולפעמים בדרך שאלה ותשובה, ולזה אין מביאים דרשנים אנשים צדיקים ועובדי ה', אשר האמונה מאיר אצלם משחר טל ילדותם, בהיות שדברי צדיק תמים מדור הישן אינו מתקבל על לב השומעים (זהו אלד-פעשאונד), ותחת זה בוחרים באנשים מגולחי זקן עם בלוריות בראשו, אשר לא קרא ולא שנא סוגיות הש"ס, והוא מברר בראיות ברורות איך שאמונתינו טהורה, ובזה יתחזק האמונה ביותר, שאדם מודרני זו גם כן מסכים באחדות הבורא ית"ש. ולא טוב לנו אמונת ה' שקבלנו מאבותינו מדור דור, רק הבעל תשובה שהיה משוקע בכל עבירות שבתורה, או גר שעזב את אמונתו להיות יהודי, רק הם יכריעו להאמין בה' ובתורתו.

**רבינו שליט"א** הטעים את דבריו, אשר כל זה נשתרבב מעת שהוצרכו לזה לקרב את הבעלי תשובה הרחוקים מעניני יהדות ודרכי התורה, אבל לא כן חלקנו שנתגדלנו על ברכי התורה והאמונה מאבותינו, יש לנו לאו דאורייתא 'ולא תתורו אחרי לבבכם – זו מינות', ואסור להרהר בעניינים אלו, רק לחזור תמיד על הי"ג עקרים. ולהסתובב אצל צדיקים יראי ה' המחזיקים אמונה פשוטה שקבלנו מאבותינו, ועל זה הזהיר התנא (ברכות כח:) מנעו בניכם מן ההגיון, לחקור בעניני אמונת ה'. ואם מרגיש שצריך חיזוק בזה, אזי הושיבום בין ברכי תלמידי חכמים, אשר מהנהגתם ומלימודם יכיר שיש בורא עולם ומחדשו תמיד (דרשת פרקי אבות במילואו נדפס בגליון דברי תורה).

במוצאי שבת הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל **הגה"צ אב"ד סי-געיט שליט"א** שישב שבעה על פטירת אחיו **הגה"צ רבי יוסף משה מייזליש זצ"ל אב"ד ווייצען.**

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** מיין טאטע ז"ל פלעגט צו זאגען, אז ער מיטן **ווייצענער רב**, זענען ביידע געווען עמטליכע רבנים אין אונגארן, און פון די רעגירונג אויס, האט מען געדארפט לערנען די שפראך פון די מדינה, איז מען איינמאל א וואך געקומען קיין בודאפעסט, און מען האט זיך געלערנט די שפראך פון די מדינה, אז נישט האט מען נישט געקענט זיין עמטליך א רב. און זיי האבן צוזאמען געלערנט.

**אב"ד סי-געיט:** דער **בנין דוד** איז אמאל געווען אין בודאפעסט, און דארט איז געווען א סעניטוריע"ם, ווי די רבנים פלעגן זיך צוזאמקומען. און דער פראפעסער וואס האט דאס אנגעפירט האט געזען אז ער איז א קלוגער מענטש, האט ער אים געפרעגט, זייט מיר מסביר, א יוד וואס וואוינט שוין פערציג יאר אין אונגארן, זאל נישט קענען א ווארט אונגאריש. האט אים דער זיידע, דער **בנין דוד**, געזאגט, אויב א אנדערער פרעגט מיך די שאלה איז מיר נישט א חידוש, אבער דו זאלסט מיר דאס פרעגן, איז א חידוש. זאגט ער אים, איך בין דא אין סעניטוריעם, און איך באקלאג זיך אז די האלז טוט מיר וויי, רופט מען דעם און דעם פראפעסאר, און ער אונטערזוכט מיר. ווען איך באקלאג זיך אויף די לונגען, רופט מען א צווייטן פראפעסאר. ביי אונז אין אוהעל, וואס עס פאסירט רופט מען דעם זעלבן דאקטאר, און ער געבט א רפואה. דו הייסט א פראפעסאר, און טאמער עס איז נישט די נקודה וואס דו ביזט בקי, רופסטו א צווייטען. דו ביזט ניטאמאל ווי א דאקטער. אלא מאי וואס איז דער תירוץ, דער דאקטער קען אלעס און ער קען גארנישט. דער וואס וויל גוט קענען, לערנט איין זאך, און ער איז א פראפעסאר. זאגט ער, איך בין א פראפעסאר אויף תלמוד, דארט אז דו וועסט מיר פרעגן וועל איך דיר ענטפערן, אבער די אנדערע זאכן איז נישט מיין ליי"ן.

**רבינו:** מיין טאטע ז"ל האט מיר געזאגט, אז נאכדעם וואס מען האט זיי פארהערט סוף יאר, האט ער געפרעגט, ווי אזוי זיי האבן געקענט. האט ער זיי געזאגט, 'איך קענט פון אלעם עטוואס, און אינגאנצן גארניקסט'.

**א' מהנוכחים:** מענין לענין באותו ענין, ווען דער **וואודיסלאווער רב** איז געקומען קיין אמעריקא, און ער האט געוואלט ווערן אן אמעריקאנער בירגער, האט מען אים געפרעגט, צו ער קען די פרעזידענט'ן. האט ער זיי געזאגט, איך וועל אייך פרעגן א קשיא, וואס איר ווייסט נישט. האט ער זיי געפרעגט, וועלכער פרעזידענט פון אמעריקא, איז נישט געווארן באגראבען אין אמעריקא. האבען זיי נישט געוואוסט צו ענטפערן, האט ער זיי געזאגט, 'די וואס לעבן נאך'. האבען זיי אים געגעבן בירגערשאפט.